ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת תצוה

אידיש

**520**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק עשרים

## תצוה

אין דעם פרק ווערט ערקלערט אַז כדי צו קויפן שלימות פאַר די נשמה, זאָל דער מענטש נישט אָפּטוהן פון זיין מחשבה דעם סוף פון יעדער זאַך, און דאַן וועט ער זען אַז זיי זענען נאַרישקייטן.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון צוואָנציגסטער פרק


א. דער מענטש זאָל טראַכטן אַז ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט פירט ער מיט זיך נישט מיט קיין שום זאַך ........ ג
ב. פינף צייטן זענען דאָ, ווען אַ מענטש זוכט זיין באַשעפער וועט ער זיך מאַכן טרעפן צו אים נאָך אידער ער רופט צו אים. ........ ד
ג. אַ מענטש זאָל נישט נאָכלויפן נאָך די גלוסטעניש פון דער וועלט – התעוררות רייד וועגן דעם ........ ח
ד. 36 זאַכן פון דעם בעל "אזהרות הקודש", כדי דו זאָלסט מיט זיי קויפן געשמאַקע זאַכן פאַר דיין נשמה, און כדי אפצוטוהן פון זיך די שטרויכלונגען פון טויט. ........ ז
ה. צו טוהן די מצוה מיט פרייליכקייט ........ ז
ו. צו דאַווענען מיט אַ גאַנצע כוונה ........ ז
ז. דער מענטש זאָל זאָגן ווידוי פאַר'ן דאַווענען ........ ח
ח. ער זאָל דאַווענען אָדער לערנען מיט אַ הויך קול ........ ח
ט. ער זאָל בעטן אויף זיינע קינדער – אַז עס זאָל נישט זיין קיין פסול אין זיי ........ ט
י. אַ מענטש זאָל פעדערן די תפילה פאַר די צרה ........ ט
יא. אַ חשבון הנפש וואָס דער מענטש זאָל מאַכן פאַר'ן שלאָפן ........ י
יב. ער זאָל זיין געוואָרנט מיט די מדה פון שווייגן ........ יב
יג. דער מענטש זאָל נישט עסן ברויט פון אַ מענטש וואָס האָט אַ שלעכט אויג ........ יב
יד. דער מענטש זאָל נישט מאַכן קיין נדר, אויך אין אַ צרה ........ יב
טו. ער זאָל נישט אַוועקבייגן רעכטס און לינקס פון די רייד פון חסידות ........ יג
טז. ווען ער שטראָפט אַנדערע מיט מוסר רייד, זאָל ער נישט דערמאָנען די עבירה בפירוש ........ יג
יז. ער זאָל נישט רעדן שלעכטע רייד אויף אידן ........ יג
יח. ער זאָל זיין פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך פאַרשעמען און זיי פאַרשעמען נישט צוריק ........ יד
יט. ער זאָל זיך דערווייטערן פון גאוה און זיך באַהעפטן אין דער מדה פון ענוה ........ יד
כ. ווען ער דרשנ'ט פאַר אַ סאַך מענטשן, זאָל ער נישט הנאה האָבן דערפון. ........ יד
כא. ער זאָל נזהר זיין אין כבוד פון ספרים ........ טו
כב. ער זאָל מחדש זיין חידושי תורה ........ טז
כג. ער זאָל זען אַז אויך אַנדערע מענטשן זאָלן תשובה טוהן ........ טז
כד. ער זאָל זיך נישט פריילעך מאַכן אויף דער וועלט ........ יז
כה. ער זאָל רעדן דברי תורה נאָך זיין סעודה ........ יז
כו. ער זאָל היילגן זיין סעודה ........ יח
כז. ער זאָל זיך דערווייטערן פון אַ ספק איסור אכילה ........ יט
כח. ער זאָל זיך היטן פון קוקן אויף פרויען ........ יט
כט. ער זאָל זיך היטן פון בייזערן זיך ........ כ


❖ ❖ ❖

# פרק עשרים

**א. יסוד היסודות ועיקר הכל**, דער יסוד און דער עיקר פון אַלעם איז צו דערגרייכן די גאַנצקייט פון דער נשמה, דאָס איז, אַז דער מענטש זאָל שטענדיג קוקן וואָס עס וועט זיין דער סוף פון דער זאַך, ווייל דער סוף פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט איז נאַרישקייט, ווייל אַלצדינג איז געמאַכט געוואָרן פון ערד, און אַלצדינג קערט זיך צוריק צו ערד.

**ובעזיבת**, און מיטן פאַרלאָזן די גלוסטיקייטן וואָס ווערן בטל צום סוף, וועט ער נישט פאַרברענגען זיין צייט און כח אויף נאַרישקייטן, ווייל אַז ער וועט אַזוי אָנהייבן פון קליינערהייט, וועט די צייט און זיין כח אים העלפן, און דאָס רגילות וועט אים פאַרזיכערן אַז אייביג וועט זיך נישט אָפּטוהן פון זיין האַרץ די ליבשאַפט פון דער קדושה.

**דער מענטש זאָל טראַכטן אַז ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט פירט ער מיט זיך נישט מיט קיין שום זאַך**

**ב. וכמו**, און אַזוי ווי דער **רבינו תם** שרייבט אין **ספר הישר**, אַז דער קלוגער וועט טראַכטן וועגן דאָס גוטסקייט פון דער וועלט, וועט ער דערקענען, אַז דאָס אַלץ וועט ער נישט מיטפירן מיט זיך נאָך זיין טויט, און זיין כבוד וועט מיט אים נישט מיטגיין, ער וועט דאָס אַלץ פאַרלאָזן, נאָר איין טובה איז פאַר אים אָפּגעטיילט געוואָרן, דאָס איז די ליבשאַפט פון דעם באַשעפער, דאָס וועט גיין פאַר אים נאָך זיין טויט.

**פינף צייטן זענען דאָ, ווען אַ מענטש זוכט זיין באַשעפער וועט ער זיך מאַכן טרעפן צו אים נאָך איידער ער רופט צו אים.**

**ג. ואמר,** און דער נביא האָט געזאָגט, פאָרשט דעם אויבערשטן אין דער צייט ווען ער ווערט געפונען, רופט אים ווען ער איז נאָנט צו אייך. און אַז מיר וועלן פאַרשטיין, וועלן מיר דערקענען, אַז עס זענען דאָ צייטן ווען דער אויבערשטער ברוך הוא איז נאָנט צו די וואָס פאָרשן אים, און צייטן וואָס ער איז נישט נאָנט.

**ד. העת,** די ערשטע צייט איז, אַז דער מענטש זאָל האָבן שכל, ווייל איידער ער באַקומט שכל דערקענט ער נישט זיין באַשעפער, און דעריבער ווערט דער אויבערשטער נישט נאָנט צו אים.

**ה. והשנית,** און די צווייטע צייט איז, איידער ער טוט עבירות און דערצערנט זיין באַשעפער, דעמאָלט איז זיין האַרץ נאָך רעכטפאַרטיג און ריין, און מיט אַ לויטער און אַ ריין האַרץ פאָרשט ער דעם אויבערשטן. דאַן ווערט דער אויבערשטער ברוך הוא נאָנט צו אים, אָבער אויב ער זינדיגט, און איז עובר אויף זיינע מצוות, דערווייטער זיך השי"ת פון אים, חוץ אַז ער מאַכט זיין האַרץ אונטערטעניג און ריין מיט אַ ריכטיגע תשובה.

**ו. והשלישית,** און די דריטע צייט איז, בשעת דער ציבור פאַסט, ווייל די תפילה פון ציבור ווערט מער צוגעהערט ווי די תפילה פון אַ יחיד.

**ז. והרביעית,** און די פערטע צייט איז, איידער ער באַהעפט זיך צו שלעכטע מענטשן, און צו אפיקורסים, און ער וועט פאַרלירן זיין אמונה ח"ו, און ער וועט נישט קענען אייביג געהיילט ווערן.

**ח. והחמישית,** און די פינעפטע צייט איז, ווען ער האָט נאָך הרחבה און איז אַן עושר, דעמאָלט אַז ער פאָרשט

דעם אויבערשטן ווערט ער געפונען צו אים, ווייל, אויב אין דער צייט ווען עס קומט אויף אים אַ צרה ח"ו מוז ער תשובה טוהן, דאַן ווערט דער אויבערשטער דערווייטערט פון אים, חוץ אַז דער אויבערשטער ברוך הוא וועט עס טאָן פון זיין נאָמען וועגן.

**ועתות,** און די צייטן פון אַ צרה הייסט, בשעת אַז ער ווערט קראַנק אָדער ער איז ביי זיין שונא אין די הענט, און אַז ער ווערט זייער אָרים, אָדער אַז ער ווערט אַלט, אָדער אַז ער גייט אין אַזעלכע וועגן וואָס דאָרט זענען שכיח רוצחים אָדער חיות רעות.

**ט. אלה,** און אין די פינף צייטן וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, אויב דער מענטש באַגערט זיין באַשעפער אין די צייטן, דעמאָלט ווערט זיין באַשעפער געפונען צו אים נאָך איידער ער רופט אים.

**ועל כן,** דעריבער דאַרף דער קלוגער מענטש זיין געוואָרנט אין די פינף צייטן, איידער זיי וועלן פאַרלוירן ווערן פון אים, ווייל דעמאָלט וועט ער שוין חרטה האָבן, פאַרוואָס ער האָט דעם אויבערשטן נישט געפאָרשט און געזוכט, אָבער עס וועט אים שוין נישט העלפן.

## אַ מענטש זאָל נישט נאָכלויפן נאָך די גלוסטעונישן פון דער וועלט – התעוררות רייד וועגן דעם

**י. הרי,** פאַרוואָס אַז דער מענטש וועט אָנהייבן צו דינען זיין באַשעפער פון קליינערהייט, ממילא וועט ער אים דינען פיל צייט ביז זיין עלטער, און דערצו ברענגט אים מער נישט, נאָר אַז ער פאַרשטייט אין זיין יוגנט, אַז אַלע גלוסטיקייטן פון דער וועלט זענען בלויז נאַרישקייט, און דורך דעם פאַר'מיאוס'ט ער אין זיי פון צו פאַרברענגען צייט צו זוכן זיי, און ער געוואוינט זיך צו זוכן דעם אויבערשטן'ס ליבשאַפט.

**יא. ועוד**, דער וואָס פאַר'מיאוס'ט זיך נאָכצויאָגן **מותרות**, איז זיין לעבן ערשט אַ רעכט לעבן, ווייל, ער עסט און טרינקט און קליידט זיך אָן פון דעם ביסל וואָס ער האָט. אָבער דער וואָס גלוסט צו מותרות און צו פיל געלט, איז ער שטענדיג פאַרטראָגן און ער עסט נישט, און טרינקט נישט, און וואָס טויג אים אַזאַ לעבן, ווייל דאָס האָט גאָר קיין עק, ווי מער ער האָט, אַלץ מער גלוסט ער, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס טרינקט געזאַלצענע וואַסער, ווי מער ער טרינקט, איז ער אַלץ מער דאָרשטיג. ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אַ מענטש ער זאָל שטאַרבן און זאָל האָבן באַקומען זיין האַלבע תאוה וואָס ער האָט געגלוסט. און ווי זאָל דער קלוגער נישט טראַכטן אַז ער פאַרברענגט זיין צייט אומזיסט, אָנצוגרייטן פאַר אַנדערע מענטשן, ווייל ער קען דאָך מיט זיך נישט מיטנעמען פון אַלע זיינע פאַרמעגנס, נאָר די תכריכים וואָס ווערן אויך ערד אַזוי ווי ער.

**יב. ואפשר**, עס קען זיין אַז ער גרייט אָן זיין געלט נישט צו קיין ערליכן מענטש, אַז ער זאָל נאָך דערצערענען דעם אויבערשטן מיט זיין געלט, ווי מיר האָבן געזען אַז אַ סאַך מענטשן האָבן גע'יירשנ'ט פרעמדע געלט, און האָבן געטאָן מיט דעם געלט אַלע אומווערדיגקייטן וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט פיינט, ממילא, האָט ער אָנגעגרייט פאַר די דערצערענער פון דעם אויבערשטן, און ער וועט פאַר דעם האָבן עונשים. ער האָט געקענט אויסטיילן זיין געלט צו אָרימע לייט, און צו די וואָס לערנען תורה.

**יג. מה**, וואָס פאַראַ צער גרייכט צו דעם מענטשן וואָס האָט נישט געטאָן מיט זיין געלט ווי עס געהער צו זיין, ווייל אַז מענטשן דערציילן די פרומקייט פון די טויטע, און פון אים זאָגן זיי, זאָל זיין נשמה קיין מנוחה נישט האָבן, פונקט אַזוי ווי קיין שום מענטש האָט פון אים קיין מנוחה נישט געהאַט, עס איז בעסער אַז ער איז געשטאָרבן.

**יד. ונפשו,** און זיין נשמה הערט דאָס און קלאָגט, און זי זאָרגט זיך, ווען זי זעט אַז זיין געלט איז ביי אַנדערע, און פרעמדע גייען אין זיינע קליידער, און געדענקט די טירחא וואָס ער האָט זיך מטריח געווען, און אין וויפיל סכנות ער האָט זיך איינגעשטעלט צו באַקומען יעדע זאַך, און ווייל ער האָט געזינדיגט צו דערגרייכן דאָס גוטס, און איצט האָבן פרעמדע מענטשן הנאה דערפון.

**טו. ואתה,** און דו מענטש, טו דאָס אַלץ לייגן אַנטקעגן דיינע אויגן, און פאַרשטיי מיט דיין שכל אַז די רייד זענען אמת, און דו זאָלסט נישט זוכן נאַרישקייט, און טו דיין כוונה אָנצוגרייטן אַ מנוחה צו דיין נשמה אויף אַזאַ וועלט וואָס האָט נישט קיין עק.

**36 זאַכן פון דעם בעל ״אזהרות הקודש״, כדי דו זאָלסט מיט זיי קויפן געשמאַקע זאַכן פאַר דיין נשמה, און כדי אפצוטוהן פון זיך די שטרויכלונגען פון טויט.**

**טז. ולמען,** און כדי דו זאָלסט גיין אין גוטע וועגן, וועל איך פאַר דיר שרייבן זעקס און דרייסיג זאַכן, וואָס דער בעל **אזהרות הקודש** שרייבט, און דורך דעם וועסטו זיך ראַטעווען פון די זעקס און דרייסיג כריתות, וואָס שטייען אַרויסגעשריבן אין דער תורה.

### צו טוהן די מצוה מיט פריילעכקייט

א) דער מענטש זאָל טוהן יעדע מצוה מיט גרויס שמחה, און דער **אר״י** ז״ל האָט אויף זיך אַליין מעיד געווען, אַז דורך דעם וואָס ער פלעגט טוהן די מצוות מיט שמחה האָט ער זוכה געווען צו רוח הקודש.

### צו דאַווענען מיט אַ גאַנצע כוונה

ב) ער זאָל תפילה טוהן מיט כוונה, ווייל, ווען דאָס **בית המקדש** איז געשטאַנען, אויב אַ מענטש האָט געזינדיגט האָט ער געברענגט אַ קרבן, און איצט איז די **תפילה** אויף

דעם אָרט פון דעם קרבן, דעריבער, זאָל דער מענטש אָפּלאָזן אַלע פרעמדע מחשבות, ווייל פונקט אַזוי ווי אַ מחשבה פסליט ביי אַ קרבן, אַזוי פסליט אַ מחשבה ביי תפילה. און דער ספר **חסד לאברהם** שרייבט, די מחשבה פון דעם מענטש זאָל נישט זיין אויף זיין באַדערפעניש, נאָר וועגן די שכינה, און מיט זיין באַדערפעניש וועט ער שוין ממילא געבענטשט ווערן.

**דער מענטש זאָל זאָגן ווידוי פאַר'ן דאַווענען**

ג) ער זאָל זייער שטאַרק געהיט זיין מיט זיין תפילה, ווי אַזוי ער זאָל זאָגן און מתפלל זיין.

דער **מהר"ם אלשיך** שרייבט, די מענטשן וואָס זאָגן **רבונו של עולם**, דו ביסט אַ דערבאַרעמדיגער און אַ לייטזעליגער גאָט, און דו טוסט פיל גענאָד, זיי זיך מרחם איבער מיר, און זיי מערן תפילה צו טוהן, די דאָזיגע מענטשן דערוועקן אויף זיך די מידת הדין. נאָר אַז אַ מענטש וויל מתפלל זיין אויף אַ זאַך, זאָל ער זיך פריער מתוודה זיין און ער זאָל זאָגן **חטאתי** וכו', און דערנאָך זאָל ער תפילה טוהן, און דעמאָלט וועט דער אויבערשטער אים ענטפערן.

**ער זאָל דאַווענען אָדער לערנען מיט אַ הויך קול**

ד) ער זאָל נזהר זיין אַז ווען ער הייבט אויף זיין קול בשעת דעם דאַווענען, אָדער בשעת דעם לערנען, זאָל ער מכוין זיין צו פאַרריכטן דורך זיין שרייען די זינד פון קרי רחמנא ליצלן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "**צעקו וה' שמע**", איר שרייט און דער אויבערשטער וועט הערן.

## ער זאָל בעטן אויף זיינע קינדער – אַז עס זאָל נישט זיין קיין פסול אין זיי

ה) ער זאָל מתפלל זיין אויף זיינע קינדער און קינדי'ס קינדער, אַז קיין שום פסול זאָל פון אים נישט אַרויסקומען, אַזוי ווי עס שטייט אין **של"ה**, אַ חסיד האָט שטענדיג מתפלל געווען אין האַלבע נאַכט מיט געוויין אַז עס זאָל פון אים נישט אַרויסגיין קיין פסול, האָט ער דורך דעם זוכה געווען אַז **זיינע זיבן זין זענען געווען גרויסע רבנים**. און ווען ער דערמאנט אין זיין תפילה יראת השם, דהיינו אַז ער זאָגט דעם פסוק **ויחד לבבנו** וגו', אָדער אַנדערע פסוקים וואָס רעדן וועגן יראת השם, זאָל זיין כוונה אין האַרץ זיין אויף **זיינע קינד'ס קינדער**.

ו) ער זאָל נזהר זיין אַז אין דעם טאָג וואָס איז אַ **יומא דדינא**, דהיינו ראש השנה, זאָל ער נישט דאַווענען ביחידות.

## אַ מענטש זאָל פעדערן די תפילה פאַר די צרה

ז) ער זאָל מתפלל זיין איידער די צרה קומט ח"ו. דעריבער זענען די פרומע אידן זיך נוהג אַז ווען זיי מאַכן חתונה אַ קינד, זענען זיי פריער מתפלל אַז **די מדת הדין און עין הרע זאָל נישט געוועלטיגן איבער זיי**, און דאָס איז אַ גוטער מנהג.

ח) ער זאָל אין זיין תפילה מכוין זיין קעגן דעם קדשי קדשים, ווייל **שלמה המלך** האָט געבעטן דערויף פון דעם אויבערשטן, אַז דאָס אָרט זאָל מצליח זיין פאַר דעם וואָס איז זיך מכוין דאָרט מתפלל צו זיין. און דאָס איז אויך אַ סגולה מבטל צו זיין שלעכטע מחשבות, אַז ער זאָל

טראַכטן אין זיין האַרץ גלייך ווי ער איז אין קדשי קדשים.

**עוד**, נאָך אַ **סגולה** מבטל צו זיין שלעכטע מחשבות בשעת דעם דאַווענען איז, אַז ער זאָל טראַכטן אין זיין האַרץ גלייך ווי ער שטייט אין **גן עדן**, און ער זאָל האָבן אויף זיין מחשבה די צדיקים וואָס ער האָט זיי געקענט ביי זיין לעבן, ווי זיי זיצן אין **גן עדן**, און גלייך ווי ער שטייט אַנטקעגן זיי פונדערווייטנס.

ט) אַז ער גיט אַ פּרוטה צו אַן אָרימאַן, זאָל ער מייחד זיין דעם הייליקן שם **הוי"ה**, אַזוי שרייבט דער **אר"י** ז"ל.

און אויב עס האָט זיך פּלוצלונג מזדמן געווען אַן אָרימאַן צו אַ מענטש, און זיין פּרנסה איז אויך גאָר בצמצום, זאָל ער וויסן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא וויל אים מציל זיין פון עפּעס אַ פּורעניות, דעריבער האָט ער אים צוגעשיקט דעם אָרימאַן.

## אַ חשבון הנפש וואָס דער מענטש זאָל מאַכן פאַר'ן שלאָפן

י) ער זאָל נאָכזוכן זיינע וועגן, און פאַרריכטן זיינע מעשים. יעדן טאָג פאַר זיין שלאָף זאָל ער טראַכטן וואָס פאַראַ עבירות ער האָט געטוהן אַ גאַנצן טאָג, און ער זאָל תיכף תשובה טוהן דערויף מיט אַ רעכטע חרטה.

**הבט**, זע וואָס דער בעל **עשרה מאמרות** זאָגט, אַז אַלע תנועות פון דעם מענטש, אַפילו די מחשבות פון זיין האַרץ, אַלץ ווערט אָנגעשריבן אויפין הימל. דעריבער זאָל ער נישט זאָגן אַז מען באַדאַרף נישט נאָכזוכן נאָר אַזעלכע עבירות וואָס מען טוט מיט די גלידער, גלייך ווי גזילה, גניבה און דאָס גלייכן, נאָר ער מוז זיך אויך אָפּשיידן, און

תשובה טוהן פון כעס, און פון עריות, פון קנאה, און פון תאוה. אויך מוז ער תשובה טוהן אויף אַ שלעכטע מחשבה אָדער אַ שלעכטן וואונק, און דאָס גלייכן, ווייל, אַז דער מענטש ווערט געוואוינט אין די עבירות, זענען זיי נאָך ערגער, און עס איז שווערער אָפּצושיידן זיך פון די עבירות, ווי פון די עבירות וואָס ווערן געטוהן מיט די גלידער, און אַז עס קומט פּלוצלונג עפּעס אַ הרהור צו דעם מענטש, זאָל ער אָנשרייען דערויף מיט זריזות, און ער זאָל זאָגן דעם פּסוק **אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה**, און אויך **סעפים שנאתי ותורתך אהבתי**.

יא) ער זאָל זיין געהיט מיט זיין דיבור.

יב) ער זאָל נזהר זיין, אַז דער דיבור פון דעם דאַווענען זאָל זיין מיט פאָרכט און ליבשאַפט צו דעם אויבערשטן ברוך הוא.

דער רבינו תם שרייבט, אַז יעדער אבר וואָס איז נישט פאַרריכט געוואָרן אַזוי ווי עס געהער צו זיין, מוז ער מגולגל ווערן, און דער עונש פון גלגול איז ביטער צו דער נשמה מער פון דעם גיהנם. מכל שכן זאָל היטן זיין מויל און זיין צונג, ער זאל זיי נישט מטמא זיין מיט לשון הרע, און מכל שכן מיט ניבול פה ח״ו, ווייל דעמאָלט ווערט ער גערופן טמא, און דעריבער זאָל דער מענטש זיך שרעקן פאַר דעם יום הדין צו היטן זיין מויל און זיין צונג, וועט ער היטן זיין נשמה פון צרות, און צו טוהן אַ היטונג און אַ שלאָס וועגן דעם דיבור איידער ער גייט אַרויס פון זיין מויל, דעמאָלט וועט אים גוט זיין.

**ער זאָל זיין געוואָרנט מיט די מדה פון שווייגן**

יג) אַ מענטש דאַרף נזהר זיין צו האָבן אין זיך די מדה פון שווייגן, ווייל דאָס איז אַ רפואה צו אַלעמען. זע וואָס שטייט אין ספר חסידים, ווען די מענטשן זאָלן נישט אויסזאָגן וואָס זיי זעען, וואָלטן זיי געזען פיל זאַכן. און יעדער מענטש זאָל איבערוועגן זיין דיבור איידער עס גייט אַרויס פון זיין מויל.

**דער מענטש זאָל נישט עסן ברויט פון אַ מענטש וואָס האָט אַ שלעכט אויג**

יד) ער זאָל געוואָרנט זיין נישט צו עסן ביי יעדן מענטשן, טאָמער איז ער אַ רע עין. און דער זוהר שרייבט, דער מענטש וואָס איז להוט נאָך פיל עסן, זאָל ער זיך בעסער קוילען, און זאָל נישט עסן ביי איין רע עין.

**דער מענטש זאָל נישט מאַכן קיין נדר, אויך אין אַ צרה.**

טו) ער זאָל זייער געוואָרנט זיין נישט צו טוהן אַ נדר, אפילו ווען עס קומט ח״ו אַ צרה אויף אים, טאָמער וועט ער ח״ו נכשל ווערן אין זינד פון נדרים, ווייל אין די ענינים פון נדרים זענען דא אַ סאַך חילוקים, און מכל שכן אַז ער וויל זיך מפר זיין דעם נדר, זענען אַוודאי דאָ אַ סאַך חילוקים וואָס דער עולם איז נישט בקי אין זיי, צו מען קען מתיר זיין די נדרים צו נישט. און דאָס איז נישט קיין קליינע זאַך.

דעריבער איז בעסער זיך צו דערווייטערן דערפון, כדי ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן, און אַז ער וויל מנדר זיין זאָל ער זאָגן, איך וויל דאָס געבן בלי נדר, און פונדעסטוועגן איז עס אַ מצוה מקיים צו זיין.

## ער זאָל נישט אַוועקבייגן רעכטס און לינקס פון די רייד פון חסידות

טז) אַז דער מענטש קומט צו דער מדה פון חסידות, זאָל ער געוואָרנט זיין ער זאָל נישט אַוועקנייגן פון די זאַכן פון חסידות, ווייל דורך דעם וועט ער קענען מערן הייליגקייט יעדן טאָג, און דער רוח הקודש וועט אים העלפן צו שטאַרקן זיך פון איין מעלה צו דער אַנדערער, און כאָטש ער איז אַ שוואַכער מענטש, וועט דער אויבערשטער ברוך הוא אים געבן כח, אָבער אַז ער טוט נישט אַפילו איין זאַך פון חסידות און פרישות ווערט דער רוח הקודש פון אים אָפּגעטוהן, און ער וועט שוין מער נישט קענען שטיין אין זיין הייליגקייט מחמת זיין כח ווערט שוואַך.

## ווען ער שטראָפט אַנדערע מיט מוסר רייד, זאָל ער נישט דערמאַנען די עבירה בפירוש

יז) אַז ער שטראָפט אַ מענטשן, זאָל ער אים נישט דערמאַנען בפירוש די עבירה וואָס ער האָט געטוהן, נאָר ער זאָל איר דערמאַנען בדרך רמז, אָבער אַז ער פאָלגט אים נישט, מעג ער אים שוין דערמאַנען די עבירה בפירוש.

## ער זאָל נישט רעדן שלעכטע רייד אויף אידן

יח) ער זאָל געוואָרנט זיין נישט צו רעדן שלעכטס אויף אידן, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא וויל מזכה זיין די אידן אַז מען זאָל אויף זיי רעדן גוטס, און מכל שכן אַז דער מענטש זאָל זיך צוגעוואוינען מיט דער מדה דן צו זיין זיין חבר לכף זכות, און אַפילו בשעת אַז ער שטראָפט דעם עולם זאָל ער אויך געוואָרנט זיין פון צו רעדן שלעכטס אויף אידן.

**ער זאָל זיין פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך פאַרשעמען און זיי פאַרשעמען נישט צוריק**

יט) ער זאָל זיין פון די וואָס ווערן פאַרשעמט פון אַנדערע מענטשן און ער פאַרשעמט נישט אַנדערע. זע די מדה פון דוד המלך עליו השלום, וואָס שמעי בן גרא האָט אים געשאָלטן, און האָט געוואָרפן שטיינער און ערד אויף דוד, און פונדעסטוועגן האָט דוד נישט געלאָזט טוהן צו שמעי קיין שום שלעכטס.

**ער זאָל זיך דערווייטערן פון גאוה און זיך באַהעפטן אין דער מדה פון ענוה**

כ) ער זאָל האָבן די מידה פון **ענוה**, און זאָל זיך דערווייטערן פון **גאוה** מיט רייד, מיט ווערק, און מיט דער מחשבה, ווייל אַז אַ מענטש האָט גאוה מיט דער מחשבה, ווערט ער אויך גערופן אומווירדיג, און מכל שכן אַז ער האַלט זיך בגאוה מיט'ן רעדן און מיט די ווערק.

דער **של"ה** שרייבט, דער מענטש וואָס נעמט אויף זיך, אַז ווען איינער וועט אים פאַרשעמען וועט ער אים נישט פאַרשעמען צוריק, דער דאָזיגער מענטש באַדאַרף נישט האָבן אַ רבי, ווייל די שכינה וועט מיט אים לערנען.

**ווען ער דרש'נט פאַר אַ סאַך מענטשן, זאָל ער נישט הנאה האָבן דערפון.**

כא) אַז אַ מענטש דרשנ'ט צווישן אַ סאַך מענטשן, און ער באַקומט אַ גוטן נאָמען, זאָל ער דערפון קיין הנאה נישט האָבן.

אַזוי געפינען מיר אין דער גמרא, און אַז עס קומט עפּעס אַ הנאה אין זיין האַרץ צוליב דעם וואָס מענטשן לויבן אים,

זאָל ער תיכף טראַכטן אין זיין האַרץ: מיין האַרץ, דערווייטער זיך פון כבוד, ווייל וויפיל מענטשן האָבן געהאַט כבוד און זענען געשטאָרבן, און זיי זענען גלייך ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען אויף דער וועלט.

אויך אין אַלע מצוות וואָס ער טוט אָדער ער לערנט תורה, זאָל ער קיין הנאה נישט האָבן ח״ו פון מענטשן וואָס לויבן אים, נאָר ער זאָל זיך פרייען וואָס ער האָט זוכה געווען צו טוהן די מצות פאַר דעם אויבערשטנ׳ס וועגן, און פאַר דער **דרשה** זאָל ער זאָגן **לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה**, און דורך דעם וועט ער ניצול ווערן פון דעם שווערן דין.

### ער זאָל נזהר זיין אין כבוד פון ספרים

כב) ער זאָל נזהר זיין אָפּצוגעבן כבוד פאַר די ספרים, און וואָס עס קומט אַמאָל אויף אַ מענטש אַ בזיון איז דאָס מחמת דעם **בזיון פון די ספרים** וואָס ער האַלט נישט ערליך. דער **ספר חסידים** שרייבט, אַ מענטש זאָל נישט שלאָפן אין דעם צימער וואו עס זענען דאָ ספרים, און אויב יאָ, זאָל ער צודעקן די ספרים.

כג) ווען עס קומט צו אים אָן אַ גוטע בשורה, זאָל ער זאָגן מיט זריזות **הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו**, כאָטש די בשורה איז אַ קליינע הנאה, זאָל עס ביי אים זיין אַזוי ווי פיל, און ער זאָל לויבן דערויף דעם אויבערשטן ברוך הוא.

כד) בשעת ער איז מלוה אַ מת, זאָל ער זיך נישט באַגעגענען מיט ווייבער, ווייל דאָס איז פאַר אים אַ גרויסע סכנה. און דער זוהר שרייבט, אַז די מערסטע מענטשן שטאַרבן נישט אין זייער צייט, ווייל זיי האָבן זיך נישט געהיט דערפון.

כה) ווען אַ מענטש גייט אַרויס אין וועג, זאָל ער נזהר זיין פריער צו באַצאָלן זיינע **נדרים**, און ער זאָל נישט אָפלייגן דאָס באַצאָלן זיין נדר.

**ער זאָל מחדש זיין חידושי תורה**

כו) ער זאָל **מחדש זיין אין דער תורה**, און ער זאָל בעטן צו דעם וואָס די חכמה איז זיינע, אַז ער זאָל אים העלפן ער זאָל קענען עפּעס מחדש זיין אין דער תורה, און די חידושים זאָל ער תמיד געדענקען, און דאָס וועט זיין אַ קרוין צו זיין קאָפּ אויף יענער וועלט. אָבער אַז מען פרעגט אים וואָס ער האָט מחדש געווען אין זיין לערנען, און ער ווייסט נישט צו ענטפערן, האָט ער גרויס חרפה און בושה.

**ער זאָל זען אַז אויך אַנדערע מענטשן זאָלן תשובה טוהן**

כז) ער זאָל זוכן **מחזיר זיין למוטב זיין חבר**, ווי עס שטייט אין **זוהר**, ווען די מענטשן זאָלן וויסן ווי גרויס דער שכר איז, וואָס מען איז **מחזיר בתשובה** אַן אַנדערן איד, וואָלטן זיי שטענדיג נאָכגעיאָגט נאָך דעם, און בפרט אויף אַזאַ עבירה וואָס די פּראָסטע מענטשן טוען בפרהסיא, און זיי מיינען אַז עס איז גאָר קיין עבירה נישט, באַדאַרף ער זיי אַוודאי שטראָפן דערויף, און זיי מודיע זיין דעם עונש וואָס זיי וועלן האָבן פאַר דער עבירה, אפשר וועלן זיי אים צוהערן, און וועלן תשובה טוהן, און וועלן זיך אָפּקערן פון זייער בייזן וועג.

**אויך די מערסטע פּראָסטע מענטשן לייגן תפילין אויף דעם שטערן, און נישט אויף דעם מוח, מוז מען זיי דערויף מזהיר זיין אַז זיי זאָלן נישט טוהן אַזוי.**

כח) אויב ער איז שלאַף און עסט אין דער צייט וואָס מען דאַרף **פאַסטן**, זאָל ער אין זינען האָבן אַז ער עסט כדי זיין גוף זאָל זיין געזונט פאַרן אויבערשטנס דינסט, ווייל דער מענטש באַדאַרף היטן זיין גוף.

דעריבער, אויב ער פאַרשטייט אַז ער האָט נישט קיין כח צו פאַסטן, זאָל ער עסן, און ווען ער זעצט זיך עסן זאָל ער זאָגן, איך עס נישט וועגן דער הנאה, נאָר כדי מיין גוף זאָל זיין געזונט צום אויבערשטנס דינסט.

דער כלל איז אַלע דיינע מעשים זאָלן זיין פון אויבערשטנס וועגן, און דאַן וועט דיר גוט זיין.

### ער זאָל זיך נישט פריילעך מאַכן אויף דער וועלט

כט) דער מענטש זאָל נזהר זיין נישט צו פרייען זיך מיט דער וועלט, און דער עיקר **חיבוט הקבר** קומט דעריבער. זע וואָס עס שטייט אין **מדרש**, קיין שום מענטש קומט נישט צו צער נאָר, ווייל ער עסט און טרינקט, און טוט זיך אָן תענוגים. דעריבער זאָל דער מענטש זיך נישט אָנטוהן קיין איבעריגע תענוגים, און ער זאָל טראַכטן וויפיל שלעכטע מעשים ער האָט געטוהן אויף דער וועלט, און ער זאָל תשובה טוהן וועט אים דער אויבערשטער ברוך הוא מוחל זיין.

### ער זאָל רעדן דברי תורה נאָך זיין סעודה

ל) ער זאָל געוואָרנט זיין צו רעדן **דברי תורה נאָך זיין עסן**, סיי פיל, סיי ווייניג, אויב ער האָט נישט קיין צייט. און אויב ער האָט קיין ספר נישט, זאָל ער זיך אויסלערנען אויסנווייניג איין **משנה** אָדער איין דין פון דעם שלחן ערוך, און ער זאָל עס זאָגן נאָך דעם עסן.

ווען אַ מענטש הערט **בענטשן מזומן**, און ער האָט נישט געגעסן מיט זיי, בשעת אַז דער בענטשער זאָגט **נברך שאכלנו משלו**, זאָל ער זאָגן **ברוך ומבורך שמו תמיד לעולם ועד**. און אויב זיי זענען איין מנין, זאָל ער זאָגן **ברוך א-להינו ומבורך שמו תמיד לעולם ועד**. און אויף דער גוטער מחשבה, וועט אים דער אויבערשטער ברוך הוא רעכענען גלייך ווי ער האָט געבענטשט מיט אַ מזומן.

און אויב ער עסט מיט אַנדערע, זאָל ער זאָגן דברי תורה ביי דעם טיש, כדי זיין אַ **מזכה את הרבים**, דורך זיינע דברי תורה.

לא) דער מענטש וואָס קען נישט פאַסטן, זאָל ער זיך אויסדערוויילן איין טאָג אין חודש, און ער זאָל דעם טאָג זיצן אין אַ באַזונדער חדר, און ער זאָל אויסגיסן זיין האַרץ פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט געבעט און ווידויים, אַזוי ווי אַ זוהן בעט זיין פאָטער, און ער זאָל חרטה האָבן אויף זיינע עבירות, און תשובה טוהן אויף זיי, דאַן וועט דער אויבערשטער זיי מוחל זיין.

### ער זאָל הייליגן זיין סעודה

לב) דער מענטש זאָל הייליגן זיין עסן, וועט עס אים גערעכנט זיין ווי אַ קרבן, און ער זאָל **נזהר זיין צו מאַכן ברכות אויף יעדן עסן די ברכה וואָס מען דאַרף**.

דער **אר״י ז״ל** שרייבט, דו מוזט זייער **נזהר זיין אין די ברכות איבער דאָס עסן**, און נישט אַזוי ווי די וואָס כאַפּן די ברכה, און די ברכה איז נישט אַזוי ווי עס געהער צו זיין, און זיי וועלן דערויף געשטראָפט ווערן.

**ער זאָל זיך דערווייטערן פון אַ ספק איסור אכילה**

לג) **ער זאָל זיך דערווייטערן אַפילו פון אַזאַ עסן און טרינקען וואָס אין דעם איז נאָר דאָ אפילו אַ ספק איסור**, און די וואָס זענען עובר, איז ווי צו זיי, און ווי צו זייער נשמה פון דעם יום הדין.

לד) ער זאָל נזהר זיין צו זאָגן יעדן טאָג די פרשה פון די קרבנות, ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז דער וואָס זאָגט די דינים פון אַ קרבן עולה, איז גלייך ווי ער איז מקריב אַ קרבן עולה. און דער **זוהר** שרייבט, **רבי שמעון** האָט געזאָגט, ווען דער מענטש זאָל וויסן וואָס פאַראַ טייערע זאַך **די קטורת זענען פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָלטן זיי גענומען יעדעס וואָרט, און וואָלטן עס געמאַכט ווי אַ גאָלדענע קרוין.**

**ער זאָל זיך היטן פון קוקן אויף פרויען**

לה) דער מענטש זאָל **נזהר זיין פון צו קוקן אויף ווייבער**. דער **ראשית חכמה** שרייבט, דער וואָס זעט אַן אשת איש, און האָט זיך אַפילו נישט מתכוין געווען זי צו זען, און ער האָט הנאה פון דעם זען, ווערט ער געשטראָפט. איז שוין אַ פשיטא אַז ער זאָל זיך נישט מתכוין זיין צו קוקן אויף אַ פרוי, נאָר די תורה איז דאָך אָבער נישט געגעבן געוואָרן צו מלאכים, און נישט יעדער מענטש איז זוכה צו זיצן שטענדיג אַליין אין אַ באַזונדער חדר, אַז ער זאָל נישט קוקן אויף אַ פרוי, און דאָס רוב מענטשן דאַרפן גיין אויף דעם מאַרק צו זוכן פרנסה, און דאָרט זענען דאָך דאָ ווייבער, דעריבער זאָל ער פריער מבטל זיין אַלע שלעכטע מחשבות אַז ער זאָל נישט קיין הנאה האָבן פון דעם וואָס ער זעט שיינע ווייבער, כדי ער זאָל נישט געשטראָפט ווערן

אויף דעם וואָס ער האָט געקוקט אויף פרעמדע ווייבער. און דער וואָס וויל היטן זיין לייב, זאָל זיך דער ווייטערן פון צו קוקן אויף פרעמדע ווייבער און הנאה צו האָבן פון דעם.

**ער זאָל זיך היטן פון בייזערן זיך**

לו) דער מענטש זאָל זייער נזהר זיין נישט צו קומען צו כעס.

דער **אר"י** זללה"ה האָט מקפיד געווען אויף דער עבירה מער ווי אויף אַלע עבירות. און **דער כעסן האָט אפשר גאָר קיין תקנה נישט**, ווייל ער טוט אַלעמאָל ווידער די עבירה.

דער **זוהר** שרייבט דער וואָס איז אין כעס, איז מורד אין דעם אויבערשטן ברוך הוא, און מען טאָר זיך נישט דערנענטערן צו אים, ווייל **ער ווערט גערעכנט פאַר אַ ריכטיגע געצן דינער**, און דער וואָס באַהעפט זיך צו אים איז גלייך ווי ער באַהעפט זיך צו געצן דינסט, ווייל דאָס רוהט אין אים. און אין אַלע הימלען רופט מען אויס: **ווייי איז צו דעם דאָזיגן וואָס האָט געדינט צו די געצן**. און דאָס אַנדערע מאָל רופט מען אויס וויי איז צו זיי, ווייל זיי זענען פאַרוואָגלט געוואָרן פון מיר. וואויל איז דעם מענטש וואָס ער ווערט געהיט פון זייער וועג.

נו, זע ווי גרויס און שווער איז דער **גרויסער פגם פון דער שלעכטער מדה פון כעס**. דעריבער, דער וואָס פאַרכט זיך און ציטערט פאַר דעם אויבערשטן, זאָל ער שטענדיג געדענקען די רייד פון דעם **זוהר**, און ער זאָל זוכן גדרים און גרויס היטונג אַז ער זאָל שוין נישט נכשל ווערן אין דעם גרויסן פגם, און זיין לייב זאָל זיין צו אַלע אַזוי ווי

ערד, און ער זאָל תשובה טוהן, וועט אים דער אויבערשטער ברוך הוא מוחל זיין.

**הרי,** דאָ **האָסטו זעקס און דרייסיג זאַכן**, וואָס דו זאָלסט זיך אין זיי נוהג זיין, כדי דורך זיי אָפּצוטוהן פון זיך די שטרויכלונג פון דעם טויט.

**ואע"פ,** און כאָטש, צווישן די זאַכן זענען דאָ אזעלכע וואָס עס דאַכט זיך דיר אַז עס איז שווער מקיים צו זיין, פונדעסטוועגן, אויב דו וועסט זיך געוואוינען מיט זיי וועט עס ביי דיר ווערן ווי אַ טבע.

❀ ❀ ❀

הוספות לאות י"א

# אַ מורא'דיגע געשיכטע
## פון דעם הייליגן מחבר פון "שבט מוסר", ווען ער איז געווען רב אין איזמיר

**אין** דעם ספר "דרך אמונה" אות צ', צדקה, דף פ"ח ע"ב, ווערט געבראַכט די פאָלגענדע געשיכטע:

**הרב** אליהו כהן זלה"ה דער מחבר פון ספר "שבט מוסר", האָט געוואוינט אין דער שטאָט איזמיר יע"א. ווען דער רב פון שטאָט איז געשטאָרבן, האָבן די מענטשן און די פירער באַשלאָסן אָנצונעמען הרב אליהו כהן אַלץ אַ רב, זענען זיי אַלע געגאַנגען צו אים אין דער היים און האָבן אים געבעטן אָנצונעמען די שטעלע פון אַ רב און דיין אין שטאָט. נאָך דעם וואָס זיי האָבן אים שטאַרק געבעטן, האָט ער צוגעשטימט דערצו, און האָט זיי געזאָגט "איך וועל ווערן רב אָבער איר זאָלט מיר צוזאָגן אָנצונעמען אַלץ וואָס איך וועל אויף אייך אַרויפלייגן". זיי האָבן עס אָנגענומען און מען האָט געשריבן און גע'חתמ'עט אַ 'שטר קבלה' און מען האָט עס איבערגעגעבן דעם נייעם רב, און אַזוי איז ער געוואָרן רב.

**אַ קורצע** ווײַלע שפּעטער, שיקט דער רב צו די מענטשן פון שטאָט, אַז זיי זאָלן געבן פינף הונדערט גרוש פאַר צדקה צו צעטיילן פאַר אָרעמע לייט - האָבן זיי געגעבן. די קומענדיקע וואָך האָט ער געהייסן געבן טויזנט גרוש - האָבן זיי געגעבן און מען האָט עס צעטיילט פאַר אָרעמע לייט.

**די** דריטע וואָך האט ער געשיקט מען זאָל געבן טויזנט און פינעף הונדערט גרוש - האָט מען ווידער געגעבן און צעיילט

פאַר אָרעמע לייט.

**די** פערטע וואָך האָט ער געהייסן געבן צוויי טויזנט גרוש, האָט מען אים געזאָגט אַז מען וועט נישט געבן, ווייל יעדער וואָך הייסט ער געבן מער און מער.

**האָט** ער געשיקט רופן די גבירים פון שטאָט, און פרובירט זיי צו באַווירקן אַז זיי זאָלן געבן צוויי טויזנט גרוש יעדער וואָך, און מער וועט עס נישט אַרויפגיין, האָבן זיי געענטפערט אַז דאָס איז אוממעגלעך, יעדער יאָר הונדערט טויזנט גרוש.

**האָט** זיי דער רב געענטפערט, איך האָב אַזוי אויסגענומען, און אויב איר וועט נישט געבן וואָס איך האָב געהייסן, צי איך זיך צוריק פון די דיינות, און איך ווער אויס רב און דיין. האָבן זיי געענטפערט אַז זיי גיבן נישט, און דער רב האָט זיך אָפגעזאָגט פון די רבנות. דערנאָך האָבן זיי זיך איבערגעטראַכט און דורכגעשמועסט, און זיי האָבן אים צוריק אָנגענומען אַלץ רב און דיין.

## דער שלעכטער שר און זיין שוואַרצער סוף

**אין** יענע צייטן איז געווען איינגעפירט אַז יעדער שר פון אַ שטאָט האָט געשיקט דעם קיסר אַ באַשטימטע סומע געלט, און דער שר האָט איינגעמאָנט פון די איינוואוינער פון זיין שטאָט וויפל ער האָט געוואָלט. און ער האט געהאָט אַ שריפט פון דעם קיסר אַז ער האָט רעכט צו טאָן אין דער שטאָט וואָס ער וויל, אַרעסטירן מענטשן, אויפהענגען און הרגענען, אָן קיינע ערלויבעניש.

**איינער** פון די שרים, וועלכער איז געווען זייער אַ שלעכטער, איז געקומען קיין איזמיר, און האָט איינגעזאַמלט אַלע פאָליציי און די מוסרים און די אָנפירער פון שטאָט, און האָט זיי אָנגעזאָגט מען זאָל אים לאָזן וויסן וויפל געלט יעדער

איינוואוינער פון דער שטאָט - אַ איד צי אַ גוי - פּאַרמאָגט. דער שר האָט אָנגעזאָגט אַז יעדערער זאָל אים געבן וויפל געלט ער האָט. צום ביישפּיל: ער האָט געוואוסט אַז ראובן האָט צען טויזנט גרוש, האָט ער אָנגעזאָגט ראובן זאָל אים געבן צען טויזנט גרוש. און אַז ער האָט געוואוסט אַז שמעון האָט פינף טויזנט גרוש, האָט ער אָנגעזאָגט שמעון זאָל אים געבן פינף טויזנט גרוש, און אַזוי יעדער אינער זאָל אים געבן זיין גאַנץ פאַרמעגן. דער שר האָט אויף דעם באַשטימט אַ צייט פון צוויי חדשים, יעדער וואָך אַ געוויסע סומע געלט, ביז זיי וועלן באַצאָלן די גאַנצע געלט, און ווער עס וועט נישט אויספּאָלגן און נישט באַצאָלן וועט מען הרגענען.

**האָט** הרב אליהו זיע"א צוזאַמענגערופן די גבאים און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אַלץ וואָס זיי קלייבן צוזאַמען פון די מענטשן זאָלן זיי ברענגען צו אים, און ער וועט זיי באַצאָלן מיט פראָצענטן מער ווי דער שטייגער, יעדער מאָנאַט. די גבאים האָבן אויסגעפאָלגט און געברענגט דאָס אויפגעמאָנטע געלט צו דעם רב. דער רב האָט געהייסן זאָגן דעם שר אַז די געלט איז ביים רב, און ער וועט שוין רעדן מיטן שר. דער רב האָט אויסגערופן פאַר אַלע מענטשן וואָס ער האָט גערעדט מיט די גבאים, און אַזוי האָבן אַלע גלייך געגעבן.

**עס** איז אַריבער עטלעכע טעג און דער שר האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווער איז עס דער רב און וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו נעמען דאָס געלט? האָט מען אים געזאָגט, אַז דער רב איז אַ גרויסער מענטש, אַ חסיד, אַ באַגלייבטער מענטש, און זיכער מיינט ער דיין טובה און די טובה פון די מענטשן פון שטאָט, און ער איז אַ קלוגער מענטש. רעד זיך דורך מיט אים וועסטו זען אַז עס איז ריכטיג.

**אויף** צו מאָגנס האָט ער געשיקט רופן דעם רב. דער שר האָט געפרעגט דעם רב, וואָס האָסטו געטאָן, דו האָסט גענומען די גאַנצע געלט פון די גבאים. האָט ער רב געענטפערט אַז איך האָב נישט געגעבן קיין רעסיט (קבלה) אויף אַלץ וואָס איך האָב גענומען נאָר עס איז פאַרזיגלט מיט מיין זיגל. האָט דער שר געזאָגט, איך האָב וועגן דעם געהערט.

**האָט** זיך דער רב אָנגערופן צו דעם שר, הער מיך אויס מיין האַר, איך האָב אַ גוטע עצה צו דעם שר און צו דעם קיסר יר"ה. אויב דו וועסט צונעמען די גאַנצע געלט פון די מענטשן און זיי וועלן אָרעם ווערן, ווי אַזוי וועלן זיי מעגלעך געבן שטייערן צו דעם קיסר, דערפאַר װעל איך זיי אָפּגעבן זייער געלט מיט פראָצענט מער ווי געוויינטלעך, אַז זיי זאָלן האַנדלען און פאַרדינען און וועלן זיין אומשטאַנד צו צאָלן שטייערן, און אַזוי אַרום וועט דער שר פאַרדינען דאָפּלט, און אויך זיי וועלן פאַרדינען, און זיי וועלן רייך ווערן, און זיי וועלן דיר געבן דעם קרן און דעם ריוח, און אויב דו ווילסט שרייב אויף אַ שטר אויף די סומע געלט.

**האָט** אים דער שר געזאָגט, די זאַך איז גוט, און דו ביסט ערלויבט צו טאָן ווי דו פאַרשטייסט, און די מענטשן האָבן וועגן דעם אין גאַנצן נישט געוואוסט. אַ מאָנאַט שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַ פייער און דער שר איז פאַרברענט געוואָרן, און אַלע פאַפּירן וועגן מאָנען די געלט, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב, איז פאַרברענט געוואָרן, און די גאַנצע געלט איז געבליבן ביים רב ז"ל און אויך די פראָצענטן. פון דעמאָלט איז שטיל געוואָרן.

**דער** רב האָט געשיקט אַלע אָנפירער פון דער שטאָט און האָט זיי צוריקגעגעבן דעם גאַנצן פאַרמעגן וואָס זיי האָבן אים געגעבן, און האָט מיט זיי אָפּגעמאַכט אַז פון היינט און ווייטער

זאָלן זיי געבן צדקה צו אָרעמע לייט יעדן ערב שבת וויפל ער וועט אויף זיי אַרויפלייגן, און זיי האָבן עס אָנגענומען צופרידענערהייט.

**ביז** אַהער איז די געשיכטע וואָס איך האָב געהערט פון הרה"ג כמהר"ר ישעיה דיין זללה"ה.

❖❖❖

## דורך געבן צדקה לעבט מען לענגער

**דער** בעל "שבט מוסר" ברענגט אין זיין ספר "מעיל צדקה פון זוהר הקדוש (ויקרא דף לט, ב) אַז דער וועלכער שטעלט צופרידן דעם אָרעמאַן מיט צדקה, אַפילו עס איז געקומען די צייט פון דעם מענטשן צו שטאַרבן, טוט אים השם יתברך פאַרמערן די יאָרן דורך די צדקה וואָס ער האט געטאָן.

❖❖❖

## צוריסן דעם גזר-דין צוליב צדקה

**די** גמרא בבא בתרא דף י"א דערציילט אַז מען האָט געזאָגט אויף בנימין הצדיק אַז ער איז געווען אַ גבאי צדקה. אַמאָל אין אַ הונגער-יאָר איז געקומען צו אים אַ פרוי, און האָט געזאָגט: "רבי, גיב מיר עסן". האָט בנימין געזאָגט צו דער פרוי: "איך שווער אַז אין דעם קעסטל איז נישטאָ קיין איין גראָשן פון צדקה געלט". האָט די פרוי זיך אָנגערופן צו בנימין: "רבי, אויב

דו ווערסט מיך נישט שפייזן וועלן שטאַרבן די פרוי מיט זיבן קינדער". האָט בנימין איר געגעבן עסן פון זיין געלט.

**אין** אַ צייט שפּעטער איז בנימין הצדיק קראַנק געוואָרן און זיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר. האָבן די מלאכים געזאָגט צו השם יתברך: "רבונו של עולם, דו האָסט געזאָגט אַז דער וועלכער דערהאַלט ביים לעבן אַפילו איין מענטש, איין איד, איז גלייך ווי ער וואָלט דערהאַלטן ביים לעבן אַ גאַנצע וועלט מענטשן, און בנימין הצדיק האט דערהאַלטן ביים לעבן אַ פרוי מיט זיבן קינדער - זאָל ער שטאַרבן ביי די ווייניק יאָרן וואָס ער האָט געלעבט? האָט מען באַלד צוריסן דעם גזר-דין. מיר האָבן געלערנט, מען האָט צוגעגעבן צו זיינע יאָרן נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר.

## דורך צדקה גיט מען אַריין לעבעדיקייט אין דעם אָרעמאַן

**אין** תהילים רב ייבי קאַפּיטל ל"ג שטייט, אַז "עני חשוב כמת", אַן אָרעמאַן איז גלייך ווי אַ טויטער, און ביים געבן אים צדקה איז מען אים מחיה. איז דאָס פונקט ווי תחיית המתים, און מען איז גורם אַז השי"ת זאָל משפיע זיין כל טוב, אַלעס גוטס און מחיה זיין די גאַנצע וועלט וואָס זיי זיינען געגליכן צו מתים. אין דעם זכות פון צדקה וועט השי"ת שיקן משיח צדקנו און בזכות צדקה וועט זיין תחיית המתים, ווי עס שטייט "בצדקה תכונני".

## דאָס געלט דאַרף זיין ריין

**מקשה** אחת זהב טהור. "מקשה אחת" - די שווערסטע זאַך איז "זהב טהור", אַז דאָס פאַרמעגן פון מענטשן און זיין געלט זאָלן זיין ריין און ערליך, אָן שווינדל און רמאות...

## דורך צדקה זעט מען דעם פנים פון השי"ת

**די** גמרא זאָגט אין בבא בתרא דף י' ע"א, רבי דוסתאי ברבי ינאי האָט געְדרשנ'ט, קום און זע אַז די פירונג פון השם יתברך איז ניט ווי די פירונג פון אַ מענטשן. די פירונג פון אַ מענטשן איז, אַז אַ מענטש ברענגט אַ גרויסע מתנה צו אַ מלך, ווייס ער נאָך ניט צי מען וועט אָננעמען פון אים די מתנה, אָדער מען וועט עס ניט אָננעמען. און אויב מען וועט אָננעמען פון אים די מתנה, ווייס ער נאָך ניט צי ער וועט זען דעם פנים פון דעם מלך, צי נישט. אָבער השם יתברך איז אַנדערש: אַז אַ מענטש גיט אַ פרוטה צו אַן אָרעמאַן איז ער זוכה צו זען דעם פנים פון דער שכינה, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק, דוד המלך האָט געזאָגט, אַז איך גיב צדקה בין איך זוכה צו זען דיין פנים.

## זאָלסט קוקן אויף דעם אָרעמאַן מיט די האַרץ

**עס** שטייט אין ספר "ראשית חכמה" (שער הענוה פרק א') אַז דער מענטש זאָל האָבן אָפענע אויגן, דעמאָלט וועט ער זיך קענען מרחם זיין אויף דעם אָרעמאַן. ער זאָל זיך לערנען פון השם יתברך, ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לג) "הנה עין ד' אל יראיו למיחלים לחסדו", השי"ת איז צו זיינע יראים, צו די וואָס האָפן צו זיין חסד. אויך שטייט (תהלים קכא) "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", עס דרימלט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל. ער היט און ער איז זיך מרחם אויף יעדן איינעם.

**אויך** דאַרף מען זיין אַ ותרן מיט זיין געלט און געבן מיט אַ גוט אויג, ווי עס שטייט (משלי כב) "טוב עין הוא יבורך", דער וואָס האָט אַ גוט אויג ווערט געבענטשט.

**אויך** דער וועלכער עס גיט צדקה לעבט לאַנג, ווי עס שטייט אין גמרא (מגילה פרק בני העיר): מען האָט געפרעגט ר' נחוניא בן הקנה, דורך וועלכן זכות ביסטו מאריך ימים? האָט ער

געענטפערט, ווייל איך בין אַ ותרן מיט מיין געלט, איך האָב אין מיין גאַנצן לעבן פאַרטיילט פיל געלט.

## די גרויסקייט פון צדקה

**עס** שטייט אין ספר "מעיל צדקה" (אין נאָמען פון ר"ח) אַז צדקה געבן איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו השם יתברך ווערט דערמיט געהייליקט, ווי עס שטייט "והא-ל הקדוש נקדש בצדקה", דער הייליגער באַשעפער ווערט געהייליגט דורך צדקה.

## צדקה איז דער מלך פון די מצוות

**עס** שטייט אין ספר "אור החכמה" (פ' וירא) אַז צדקה איז כולל אַלע מצוות. פונקט אַזוי ווי דאָס האַרץ גיט אַריין חיות אין אַלע איברים און אַזוי ווי די זון גיט אַריין חיות און טוט אויפלעבן די וועלט, אַזוי אויך איז צדקה דער מלך פון אַלע מצוות און דאָס גיט אַריין חיות אין דעם מענטש אין דער וועלט און אין יענער וועלט.

**עס** שטייט אין ספר "נועם אלימלך" (ליקוטים) אַז דורך צדקה טוט מען מעורר זיין אין הימל אַז השם יתברך זאָל געבן צדקה פאַר אַלע אידן.

## צדקה נוצט צו אַלעס

**עס** שטייט אין ספר "אור הגנוז" (פ' תרומה) אַז עס איז נישטאָ נאָך אַ זאַך וואָס עס זאָל נוצן פאַר דעם מענטשן צו אַלעס ווי צדקה, פון דעם וואָס דער מענטש פאַרדינט מיט זיינע אייגענע הענט, מיגיע כפו.

## צדקה פון דעם רבי'ן ר' שמעלקא מניקלסבורג

**עס** איז געווען אַמאָל אַ מעשה ביים רבי'ן ר' שמעלקא זי"ע, וואָס איינמאָל איז צו אים געקומען אַ חשוב'ער אָרעמאַן

און האָט נישט געהאַט וואָס אים צו געבן. האָט ער אַרויסגענומען אַ טייערן רינג פון זיין שראַנק און אים געגעבן. שפּעטער איז אָנגעקומען די רביצין און ווען זי האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט זי זיך גענומען בייזערן, און געזאָגט דו ווייסט דאָך אַז דער רינג איז פיל מער ווערט. עס איז ווערט דריי גילדן. איז דער רבי ר' שמעלקא געגאַנגען און תיכף געלאָזט רופן דעם אָרעמאַן און אים אָנגעזאָגט אַז דער רינג איז ווערט דרי גילדן, און ממילא זאָל ער עס נישט פאַרקויפן פאַר ביליגער.

### אין זכות פון צדקה איז ער געוואָרן אַ גרויסער עושר

**עס** שטייט אין הייליגן ספר "דברי יחזקאל", אַז דער הייליגער רבי מענדעלע מרימאַנאָוו זי"ע האָט אַמאָל געבענטשט אַ איד ער זאָל זיין אַ גביר און ער איז געוואָרן אַ גרויסער עושר. האָט אים דער ראָפּשיצער רב זי"ע געפרעגט היתכן וואָס ער האָט געגעבן אַזאַ גרויס עשירות פאַר איין מענטש. האָט אים דער רבי ר' מענדעלע געענטפערט **איך האָב אים געבענטשט סתם מיט עשירות, און ער איז אַ גרויסער בעל צדקה ווערט ער מער געבענטשט**, ווייל דאָס וואָרט "ונתנו" מאַכט צוריקוועגס אויך "ונתנו", דאָס הייסט ווען אַ איד גיט אַ סך צדקה אָן אַ שיעור, גיט מען אים אויך מן השמים עשירות אָן אַ שיעור, און עס פעלט אים גאָרנישט פון דעם וואָס ער גיט אַוועק אויף צדקה.

❖ ❖ ❖

### בספר דרך אמונה אות צ' צדקה, דף פ"ח ע"ב, וזת"ד:

**מעשה** שהיה בימי הרב אליהו כהן זלה"ה בעל ספר שבט מוסר, שהיה בעיר איזמיר יע"א שמת הרב שלהם, עמדו הקהל והיחידי סגולה נמנו וגמרו להעמיד עליהם לרב ומו"ץ את הרב אליהו כהן, והלכו כל הק"ק לבית הרב ואמרו לו במטותא מניה דמר שתהיה דיין ומו"ץ עלינו. אחר רוב הפצרות א"ל אני אשב לדון אך ורק בתנאי

שתקבלו עליכם כל מה שאני גוזר עליכם, וקבלו עליהם וכתבו וחתמו שטר קבלה ונתנו ליד הרב הנזכר, ומלך עליהם וישב לדון.

**שלח** אחריהם שליח בית דין ואמר להם צריכים אתם לתת חמש מאות גרוש לצדקה לחלקה לעניים, ויתנו לו. שבוע שני גזר עליהם שיתנו אלף רוש, נתנו לו וחלקו לעניים.

**שבוע** ג׳ שלח להם שיתנו אלף ות״ק גרוש ויתנו וחלקם לעניים. שבוע ד׳ שלח אחריהם שיתנו ב׳ אלפים גרוש, שלחו לו שלא יתנו שבכל שבת מוסיף והולך אין לדבר סוף.

**שלח** אחריהם והביא כל הגבירים, ודבר על לבם שיתנו ומהיום והלאה לא אוסיף עוד להוסיף אלא בכל שבוע ב׳ אלפים גרוש, א״ל לא נוכל לעמוד בדבר הזה, כל שנה מאה אלף גרוש.

**השיב** להם הרב, אני התניתי עמכם כך, ואם לא תקבלו ליתן הסך שאמרתי בכל שנה אני מושך את עצמי מן הדיינות. השיבו לו שלא יתנו, ובטל הרב מלהיות דיין עליה. אח״כ נתיעצו יחד והסכימו לדבריו, והחזירהו להיות דיין ומו״ץ עליהם.

**אחר** הדברים האלה גדל המלך שר אחד מן השרים אביר לב ואכזר. בזמנם כל שר אשר ישלח המלך לערים פא״שה, נתן למלך דבר קצוב לשנה ולקח הפאשה מסים וארנוניות הנהוג והבלתי נהוג כל אשר רצה. ובידו כתב פרמ״אן מן המלך הן לאסור, להרוג ולתלות כל מי שירצה בלי רשות המלך.

